בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בָּלָק

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מַיין שָׁכֵן טוּט זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר, וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אִים ?

### שְׁאֵלָה :

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שָׁכֵן וָואס הָאט לֶעצְטְנְס גֶעקוֹיפְט אַ הוֹיז, וָואס אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ מַיין הוֹיז, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּעֶן אוּמְלֶעגַאלֶע זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר זֵייעֶר. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט אִין פָּארְנְט מֶער וִוי עֶרְלוֹיבְּט, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלֵייגְט פוּן הוּנְטְן אַן עִירְקָאנְדִישָׁאן וָואס בְּלָאזְט אַרַיין דִי הֵייסֶע לוּפְט צוּ דִי הוֹיף הוּנְטֶער מַיין הוֹיז.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צוּ אִיךְ מֶעג אִים עֶפֶּעס זָאגְן דֶערְוֶועגְן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְמַיידְן מַחְלוֹקֶת אוּן אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן, כָאטְשׁ וָואס מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז אִיךְ רוּף זִיךְ גָארְנִישְׁט אָן וֶועגְן דֶעם.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא מַצָּב?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה :

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה אוֹיף דַיין שָׁכֵן, וִוי לְמָשָׁל אַז עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דַיין עִירְקָאנְדִישָׁאן מַאשִׁין נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ גֵיין מִיט אִים צוּ אַ רָב אוּן דֶער רָב זָאל פַּסְקְ׳נֶען אַ דִין תּוֹרָה וָואס דִי הַלָכָה אִיז.**

**מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען קוּקְט אָן דָאס גֵיין צוּ אַ דִין תּוֹרָה וִוי אַ מַחְלוֹקֶת ; אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ רָב הֶערְן וָואס דִי הַלָכָה אִיז, אִיז דָאס נִישְׁט**

קַיין מַחְלוֹקֶת. מַחְלוֹקֶת אִיז וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ אֵיינֶער מִיט'ן צְוֵוייטְן און מֶען פַּסְקְ'נְט זִיךְ אַלֵיינְס שֶׁלֹּא עַל פִּי תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת אוֹיף דַיין שָׁכֵן וְכוּ', זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דַיין רָב און עֶס דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים; עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דַיינֶע טַעֲנוֹת זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אֶפְשָׁר לָאזְט אִים דִי תּוֹרָה לֵייגְן דֶעם עִירְקָאנְדִישְׁן דָארְט וואוּ עֶר הָאט דָאס גֶעלֵייגְט און דוּ עֶסְט זִיךְ אוֹיף פַאר גָארְנִישְׁט און פַאר נִישְׁט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע אוֹיג, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן "עַיִן טוֹב", אַז עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וֶוען דַיינֶע שְׁכֵנִים בּוֹיעֶן אַרוֹיס בִּשְׁעַת עֶס שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט וְכוּ'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ט): "צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם", וָואס אִיז אַ גוּטֶע מִידָה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם? "רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר, עַיִן טוֹבָה", רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אַ גוּט אוֹיג; שְׁטֶענְדִיג קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדֶעם אֵיינֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נד) אַז מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי זַאךְ פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל א טז, יב): "יְפֵה עֵינַיִם וְטוֹב רֹאִי", עֶר הָאט גֶעהַאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן און אַ גוּטֶע קוּק; עֶס אִיז אַ שְׁלֶעכְטִיקֵייט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶערְן זֵייעֶרֶע שְׁכֵנִים אַרוֹיסְצוּבּוֹיעֶן וֶוען עֶס נֶעמְט גָארְנִישְׁט צוּ פוּן זֵיי.

אַ שָׁאד זִיךְ אוֹיפְצוּעֶסְן און זִיךְ פַּיינְט הָאבְּן וֶוען מֶען קֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם עַל פִּי תּוֹרָה.

...

~~~~~~~~~~~

## מַיין וַוייבּ רֶעדְט צוּפִיל מִיט אִיר שְׁוֶועסְטֶער.

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּ"ה אַ גוּט לֶעבְּן, אַ שֵׁיינֶע פַּרְנָסָה, אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, און אַ וַוייבּ און קִינְדֶער, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר אִין מַיין שְׁלוֹם בַּיִת. מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר אַסַאךְ פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן מִיט אִיר שְׁוֶועסְטֶער, וֶוען זִי רֶעדְט וֶוען סְתָּם זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן וָואלְט מִיר עֶס נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז זִי הָאט גֶענוּמֶען אִיר שְׁוֶועסְטֶער פַאר אַ מַאן, יֶעדֶע זַאךְ פְרֶעגְט זִי אִיר
~~~~~~~~~~~

שְׁוועסְטֶער וָואס צוּ טוּן, אַנְשְׁטָאט מִיר צוּ פְרֶעגְן, אוּן וֶוען זִי פְרֶעגְט מִיר שׁוֹין יָא אַמָאל, אִיז עֶס נָאר יוֹצֵא צוּ זַיין, וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה.

בִּכְלָל זֶע אִיךְ אוֹיף מַיין וַוייבּ אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן נֶערְוֶוען צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, זִי הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער אוּן צוּ דִי שְׁטוּבּ, ס'אִיז אִיר צוּפִיל פְּרֶעשׁוּר צוּ טְרָאגְן דִי אַחְרָיוּת פוּן פִירְן אַ שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אוּן נֶעמְט אוֹיךְ אִין אַכְט אַז מַיין וַוייבּ וֶועט נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן דֶעם עֶנְטְפֶער, זִי וִויל נִישְׁט הֶערְן פוּן בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער אֶפְשָׁר אִיז דָא אַ וֶועג פוּן מַיין זַייט אַלֵיין וִוי אַזוֹי צוּ פַארְבֶּעסֶערְן דֶעם מַצָּב.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ׳ סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן; אוֹיבּ עֶפֶּעס טוּט וֵויי דַארְף מֶען זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט אָדֶער אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּנֶעם צְוֵוייטְן צוּ רֶעדְן, דַאן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

אַז דוּ ווִילְסְט דַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ רֶעכְעֶנֶען מִיט דִיר, זִי זָאל דִיר שֶׁעצְן אוּן אָנְנֶעמֶען דַיין וָוארְט - וֶוענְדְט זִיךְ דָאס אִין דִיר, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט אִיר. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): ״כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם״, אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל׳דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ שְׁמֵייכְל, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין מִיט אַ בְּרוֹגֶז׳דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ בְּרוֹגֶז׳דִיגֶע פָּנִים; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט דִי וַוייבּ, וֶוען דוּ וֶועסְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועט זִי צוּרִיק רֶעדְן צוּ דִיר שֵׁיין אוּן זִי וֶועט דִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. אַזוֹי אוֹיךְ אַז דוּ וֶועסְט אִיר הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ וֶועט זִי זֶען אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַאר אִיר אוּן דָאס וֶועט עֶנְק מַאכְן נָאנְט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ אוּן גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועט זִי דִיר לִיבּ הָאבְּן אוּן זִי וֶועט אָנְנֶעמֶען דַיין מֵיינוּנְג.

אַז דַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער. זוּךְ דִיר נִישְׁט קַיין גְמִילוּת חֲסָדִים אִינְדְרוֹיסְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן וֶועסְטוּ פַארְדִינֶען סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ מִיט

גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס צִיעֶט אוֹיף אַ שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

רֶעד נִישְׁט צוּ אִיר פוּן בְּרֶסְלֶב; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "וָואס גֵייט מִיר אָן אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן אַן עֶרְלִיכְן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אָן וִויסְן אַז עֶס קוּמְט פוּן מִיר"; רֶעדְט צוּ אִיר דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן אָן דֶעם רֶבִּי'נְס נָאמֶען, זָאג: "צַדִּיקִים זָאגְן", אָדֶער: "עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים"; וֶועט זִי דָאס אָנְנֶעמֶען אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: "הַסֵּבֶל - תַּחְבּוּלָה לְמִי שֶׁאֵין לוֹ תַּחְבּוּלָה", סַבְלָנוּת אִיז דֶער וֶועג ווען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

**אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר חִיזוּק אֵיידֶער אִיךְ פַאל אַוֶועק אִינְגַאנְצְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב, אוּן אִיךְ וִויל הָאבְּן חִיזוּק אֵיידֶער אִיךְ פַאל אַוֶועק אִינְגַאנְצְן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְּלִין עַצְמוֹ", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל, וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב אִין מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען פַאלְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דִי מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּיטוּל", מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת.

צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עט, י): "לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי זָאגְט "לָמָּה - פַארְוָואס?" אָבֶּער אַ אִיד זָאגְט: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט הָאט אַ
~~~~~~~~~~~

חֶשְׁבּוֹן", מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דָאס מוֹיל און מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט: "פַארְוָואס?" "פַארְוֶוען?" וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, מֶען פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן און מֶען וִויל גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ס:): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רָגִיל לוֹמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן שְׁטֶענְדִיג: "כָּל דְּעָבִיד רַחֲמָנָא - לְטַב עָבִיד", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָאס אַרֵיין אִין זִיךְ, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דָאס אִיז נָאר פַאר זַיין אֵייבִּיגֶע טוֹבָה, דַאן לֶעבְּט עֶר שׁוֹין יֶעצְט אִין 'גַן עֵדֶן'. אַזַא אֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אַוֶועק פַאלְן אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אַזַא אֵיינֶער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אַ שְׁוֶוערֶע צַייט וֶוערְט עֶר נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת חַס וְשָׁלוֹם זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרֵיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט: "תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת"; גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט און רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, וָואס שְׁטֶערְט דִיר און בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוּישְׁן, דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר שֵׁיין וֶוערְן און דוּ וֶועסְט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דַיין לֶעבְּן.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מַאכְט עֶר זִיךְ אַ מְחִיצָה צְווִישְׁן אִים אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם", מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶערִיבֶּער אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּ אִים כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ. אָבֶּער אַז מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ מִיט'ן בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, מֶען שְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמִים פוּן גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר דְרֵייוְון אַ מָאטָאר בִּיצִיקְל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,
~~~~~~~~~~~

איך הָאבּ אַ פַּיינֶער בָּחוּר, בְּעֶרֶךְ 18 יָאר אַלְט, עֶר לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אָבֶּער עֶר דְרֵייווּט אוֹיךְ אִין זַייטִיגֶע צַייטְן. יֶעצְט וויל עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק נֶעמֶען לַייסֶענְס אוֹיךְ צוּ דְרֵייוְון אַ מָאטָאר-סֵייקְל, מַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק דֶערְצוּ, אִיךְ הַאלְט אָבֶּער אַז אַ בָּחוּר דַארְף זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעבְּן.

מִיר ווילְן וויסְן וָואס דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס זִי ווִיל נִישְׁט אַז דַיין זוּן זָאל פִירְן אַ מָאטָאר-סֵייקְל, דָאס אִיז אַ סַכָּנָה נוֹרָאָה; מוֹהַרְאָ"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַנְטְקֶעגְן דְרֵייוְון אַ מָאטָאר-סֵייקְל, וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס אַרַיין צוּ לֵייגְן דַיין קִינְד אִין סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן!?

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אִיתְּתָךְ גּוּצָא - גְּחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ", אַז דַיין וַוייבּ אִיז קְלֵיינְטְשִׁיג בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן וָואס זִי זָאגְט; אַז דוּ וֶועסְט צוּ הֶערְן דַיין וַוייבּ וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ פַאר דַיין בָּחוּר אוּן אִים חֲתוּנָה מַאכְן וָואס פְּרִיעֶר אוּן שֶׁעפְּן נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

...

~~~~~~~~~~~~

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אִין שְׁוֶוערֶע צַייטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה, אוּן דָאס מַאכְט מִיר אַסַאךְ בְּעַצְבוּת, אִיךְ וֶוער צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיךְ פַאל אַרַיין אִין דֶעפְּרֶעסִיעֶ, אוּן דָאס מַאכְט אַז אִיךְ זָאל קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. אִיךְ וויל הָאבְּן אַן עֵצָה אוּן חִיזוּק אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַלְץ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַן עַצְבוּת, אוּן נִישְׁט קוּקְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ
~~~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אִיז מַצְלִיחַ; אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער נָאכְדֶעם וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער יֶעצְט אַ שְׁוֶוערֶע צַייט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס מִיט'ן מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ מִיר זֶעעֶן דָאס נִישְׁט.

אַנְטְלוֹיף פוּן עַצְבוּת; עַצְבוּת אִיז דֶער ס"מ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַיינְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת עַצְבוּת, סִימָן יד): "עַל יְדֵי עַצְבוּת, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֵין עִמּוֹ", וֶוען מֶען אִיז בְּעַצְבוּת שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים פַאלְט עֶר נָאכְדֶעם אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת. ווַייל עַצְבוּת בְּרֶענְגְט פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן טו): "עַל יְדֵי עַצְבוּת רוֹאֶה קֶרִי", דוּרְךְ עַצְבוּת פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין טוּמְאָה רַחְמָנָא לִצְלָן; נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יח): "עַל יְדֵי עַצְבוּת נִתְבַּזֶּה", דוּרְךְ עַצְבוּת וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת.

שִׂמְחָה אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה - זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט): הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן דָאס אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִּים קד, לד-לה): "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם", אַז אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט: "יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ" - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קֵיין עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין טַאטֶע?**
~~~~~~~~~~

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אִיךְ לֶערְן בָּ"ה אִין אַ גוּטֶע יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן. יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. מַיין טַאטֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער בִּיזְנֶעס מַאן, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט כְּסֵדֶר. אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים שְׁרֵייט עֶר אוֹיף מִיר קוֹלוֹת וּבְרָקִים, אוּן אַסַאךְ מֶען רֶעדְט עֶר יָא זֵייעֶר שֵׁיין צוּ מִיר, עֶר נֶעמְט מִיר אַרוּם אוּן שְׁמוּעֶסְט שֵׁיין מִיט מִיר, אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז ווִידֶער צוּרִיק צוּם שְׁרֵייעֶן, עֶר שְׁרֵייט וַוייטֶער מִיט קוֹלוֹת וּבְרָקִים אוֹיף מִיר. אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אַלֶץ אַהִין אוּן צוּרִיק.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער מַמָשׁ צֶערִיסְן פוּן דֶעם, אוּן בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְחַזֵק צוּ זַיין אוּן זָאגְן וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מִיט חוּצְפָּה פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוען זֵיי שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַצֵף פַאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶס אִיז גֶערֶעכְט, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט טָאר מֶען נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן פַאר טַאטֶע מַאמֶע.

בְּנוֹגֵעַ דַיין טַאטֶע וָואס שְׁרֵייט אוֹיף דִיר וְכוּ' אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט מַמָשׁ ווִי דוּ וֶוערְסְט צֶערִיסְן פוּן דֶעם; נֶעם נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף דִיר וֶועט דִיר עֶס נִישְׁט אַזוֹי וֵויי טוּן. דֶער עִיקָר פוּן וָואס דוּ וֶוערְסְט צֶערִיסְן וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אִיז וַוייל דוּ נֶעמְסְט עֶס פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן דוּ מֵיינְסְט אַז דָאס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם, יֶעדֶעס מָאל עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר וֶוערְסְטוּ פוּן דֶעם אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, עֶר מַאכְט דִיר שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט אַ פֶּעלֶער וְכוּ'. אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען בַּיי דִיר אִין קָאפּ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, נָאר ווִיבַּאלְד דַיין טַאטֶע אִיז פָּשׁוּט אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט וְכוּ' שְׁרֵייט עֶר אוּן בַּאזִידְלְט דִיר, וֶועט דָאס דִיר בִּכְלָל נִישְׁט שְׁטֶערְן.

איך ווייס פון אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד וָואס הָאט אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת, יֶשׁ דוֹרְשִׁין אוֹתוֹ לְשֶׁבַח וְיֶשׁ דוֹרְשִׁין אוֹתוֹ לִגְנַאי, טֵייל מֶענְטְשְׁן רִימֶען אִים כְּסֵדֶר און אַ טֵייל שְׁפֶּעטְן פון אִים, זָאגְט דֶער בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד שְׁטֶענְדִיג: "וֶוען מֶענְטְשְׁן רִימֶען מִיר וֶוער אִיךְ נִישְׁט נִתְפָּעֵל דֶערְפוּן כְּדַאי אַז וֶוען מֶען וֶועט לַאכְן פון מִיר זָאל מִיר דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן". "אִיךְ ווייס קְלָאר - זָאגְט דֶער בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד - אַז דִי וָואס שְׁרֵייעֶן און צֶעקְלַאפְּן אַ צְוֵוייטְן אִיז דָאס זֵייעֶר אֵייגֶענֶע חִסָּרוֹן, זֵיי דַארְפְן נָאךְ אַבִּיסְל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זֵייעֶרֶע מִידוֹת, און ווידֶערְאוּם דִי וָואס רֶעדְן שֵׁיין און קָאמְפְּלִימֶענְטְן אִיז דָאס אִיז זֵייעֶר אֵייגֶענֶע מַעֲלֶה", זַיין גַאנְצֶע חִיּוּת אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף מֶענְטְשְׁן; פְּרוּבִיר אוֹיס דֶעם וֶועג וֶועסְטוּ לֶעבְּן פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פון קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט.

נֶעם אַרֵיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה און חַזֶר זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", זִינְג עֶס מִיטְ׳ן נִיגוּן, זִינְג עֶס אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אִידִישׁ: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, נָאר אַלֶעס אִיז עֶר; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַזוֹי בַּאפֶעלְן", דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן.

נָאכְמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר און אִיךְ וָוארְן דִיר, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### ווי אַזוֹי רֵיינִיג אִיךְ אוֹיס מַיין מֹחַ פון דִי מָאוִויס וָואס כְ׳הָאבּ גֶעקוּקְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו, וּבִפְרָט פַאר דִי עֶנְטְפֶער וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן אֱמוּנָה. אִיךְ קוּק שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט קֵיין מָאוִויס בָּ"ה, אֵיינְמָאל הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעזֶען אַ מָאוִוי ווי אַן אָנְגֶעפִילְטֶע קַאר פַאלְט אַרֵיין אִין וַואסֶער, און ווי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן רֶעאַגִירְן צוּ דֶעם, און זַייט דֶעמָאלְט גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פון קָאפּ, אִיךְ טְרַאכְט כְּסֵדֶר ווי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט רֶעאַגִירְט צוּ אַזַא זַאךְ, וֶועמֶען און ווי אַזוֹי צוּ רַאטֶעוֶוען.
~~~~~~~~~~

איךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן איךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן קֵיין נַארִישְׁקֵייטְן, אָבֶּער דִי מַחְשָׁבוֹת לוֹיפְן מִיר נָאךְ כְּסֵדֶר. איךְ דַארְף אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּמֶעקְן פוּן מַיין קָאפּ אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע, און אוֹיךְ נִישְׁט שְׁמוּצִיגֶע, מָאווִיס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען.

אוֹיךְ אוֹיבּ דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר שְׁרַייבְּן דֶעם פָּסוּק וָואס מְ'דַארְף זָאגְן בַּיי דִי מְזוּזָה וֶוען מְ'גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הֵייבְּסְט אָן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי מָאוִויס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן קוּקְן מָאוִויס. ווַייל וֶוען מֶען קוּקְט מָאוִויס בְּלַייבְּט דָאס נָאכְדֶעם אִין דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה און מֶען קֶען פוּן דֶעם נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן נָאר דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מָאוִויס אִיז דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן בַּעַל פְּעוֹר בִּזְמַנֵינוּ; מוֹהַרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִלוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְרֶעגְט (לִיקוּטֵי שִׂיחוֹת, ד'): דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְהוֹשֻׁעַ כב, יז): "אֶת עֲוֹן פְּעוֹר אֲשֶׁר לֹא הִטַּהַרְנוּ מִמֶּנּוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה", בִּיז הַיינְט זֶענֶען מִיר נָאכְנִישְׁט רֵיין פוּן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר; דִי תּוֹרָה אִיז דָאךְ אַ נִצְחִיּוּת, ווִי אִיז שַׁיָּיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר? זָאגְט עֶר, אַז וֶוען מֶען נֶעמְט נִידֶערִיגֶע זַאכְן, פְּסוֹלֶת און דְבָרִים שְׁפֵלִים און מֶען הַאלְט דָאס חָשׁוּב, דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר, עַיֵּין שָׁם; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס און שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען וָואס עֶנְטְהַאלְטְן נִידֶערִיגֶע און אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי נִידֶערִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַז מֶען קוּקְט דָאס און מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן דֶעם, דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּעוֹר.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיין מַגָּע וּמַשָּׂא מִיט דִי עֲבוֹדָה זָרָה, ווַייל וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן און מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לא): אֱמוּנָה און בְּרִית גֵייט צוּזַאמֶען, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן, פַארְלִירְט עֶר דִי אֱמוּנָה.

אַז דוּ ווילְסְט אוֹיסְמֶעקְן די אַלְטֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד". אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶען טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל די כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז די עֵצָה פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין די עֲבֵירָה פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת וָואס בְּרֶענְגְט צוּ פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן; נָאר דָאס קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן די וֶוערְטֶער פוּן די תּוֹרָה; אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין די עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ, אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, דַף קי): "סִלּוּקָא דִּיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד, גֵייט דֶער פְּגַם בִּיז'ן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כִּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אָן פַארְשְׁטֵיין, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן די קְלִיפּוֹת.

"הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן" (יְשַׁעְיָהוּ לג, ז), - זָאגְן דֶעם פָּסוּק אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְן רֵיינֶע אוֹיגְן אִין גַאס; אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה' וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת".

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**זָאל אִיךְ מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ מִיט מֶער אַ פַארְמַאכְטֶע מֵיידְל?**

**שְׁאֵלָה:**
~~~~~~~~~~~

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, חִיזוּקִים, נִיגוּנִים, בְּרִיוְון, מִיט וָואס אִיךְ לֶעבּ מַמָשׁ. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם.

נָאךְ אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן שִׁידוּכִים פַאר מִיר בָּ"ה, אוּן אִיךְ בֶּעט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז סְ'זָאל אָנְקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ פַאר מִיר.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער אַזוֹי, דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק, נִישְׁט צוּ קוּקְן וָואס אוּן וואוּ מְ'טָאר נִישְׁט, אוּן נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען אִיךְ זִיךְ מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרַע. אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַז וֶוען אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מִיר דָאס זַיין גְרִינְגֶער, אוּן דֶערְפַּאר הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן מִיר זוּכְן נִישְׁט אַזַא פַּארְמַאכְטֶע מֵיידְל, נָאר מֶער אַן אָהֶערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוּן אַ בֶּעסֶערֶע, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס אוּן זֵיי פְּרוּבִּירְן טַאקֶע דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר.

לֶעצְטְנְ'ס הָאט מֶען אָנְגֶעטְרָאגְן אַ גֶעווִיסֶע שִׁידוּךְ, וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַּארְלַאנְגֶען אַז זִי זָאל גֵיין מִיט גֶעווִיסֶע קָאפּ צוּדֶעק, נִישְׁט וִוי אַזוֹי מִיר גֵייעֶן נָאר מֶער פְרוּמֶער, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר אַבִּיסְל, אָבֶּער נָאךְ מֶער שְׁטֶערְט מִיר אַז זֵיי פַּארְלַאנְגֶען אַז זִי מוּז זִיךְ אָפְּשֶׁערְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

כָּאטְשׁ וָואס אוֹיךְ אִין מַיין פַאמִילְיֶע זֶענֶען פַארְהַאן אַ חֵלֶק וָואס שֶׁערְן זִיךְ, אָבֶּער אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען. כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵוייס אַז דֶער עִיקָר אִיז נִישְׁט דִי אוֹיסְזֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, ווייל אִיךְ זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט פַּארְעֶקְלֶען פוּן אִיר. אִיךְ וֵוייס אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דָאס זָאגְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֵיי מִיר פַארְשְׁטֵיין אוּן זֵיי וֶועלְן זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע שִׁידוּךְ, וֵוייס אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל זֵיי בֶּעטְן בִּכְלָל, אוֹיבּ אִיז דָאס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אָדֶער נִישְׁט, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֵצָהְ'ן וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען אִין דֶעם עִנְיָן?

אוֹיךְ אִיז דֶער שִׁידוּךְ פוּן דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאט אוּן קְהִלָּה וואוּ אִיךְ וואוֹין אוּן בַּאלַאנְג. אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה אַוֶעקְלוֹיפְן פוּן דָא, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי דְרוּק פוּן דִי קְהִלָּה, אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט חֲתוּנָה צוּ אַן אַנְדֶערְן פְּלַאץ, צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער נִישְׁט זַיין נָאנְט צוּ דִי קְהִלָּה וואוּ אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוָואקְסְן. אִיז דָאס אַ גֶערֶעכְטֶע טַעֲנָה נִישְׁט צוּ וֶועלְן הֶערְן דֶעם שִׁידוּךְ וֶועגְן דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל פַאר אַלֶעס, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַסַאךְ בָּחוּרִים הָאבְּן דֶעם טָעוּת, זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען קֶען נָאר הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן מִיט דִי ווייבּ וְכוּ' אוֹיבּ דִי ווייבּ אִיז אָפְן צוּ דִי וֶועלְט; בִּפְרָט דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן**

זִיךְ אָנְגֶעקוּקְט מִיט עֲבֵירוֹת אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן רַחְמָנָא לִצְלַן - זֵיי וֵוייסְן בִּכְלָל נִישְׁט וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז. עֶס בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף אַ דִמְיוֹן אִין זֵייעֶר מֹחַ וָואס עֶס מֵיינְט לִיבְּשַׁאפְט דוּרְךְ דִי דִמְיוֹנוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט, וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מִיט לֶעבְּן. זֵיי מֵיינֶען אַז מִיט אַן עֶרְלִיכֶע ווּאוֹילֶע מֵיידְל וָואס גֵייט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְגְרֵייכְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דַיְקָא מִיט אַן עֶרְלִיכֶע ווּאוֹילֶע רֵיינֶע מֵיידְל קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ עֶרְרַייכְן אֱמֶת'עֶ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַּאר אַזֶעלְכֶע זַאכְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַז זִי ווִיל גֵיין אָנְגֶעטוּן ווִי אִירֶע עֶלְטֶערְן, זִי ווִיל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט (נָשֹא קכה:): "'תּוּנְבָּא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין ווַייבּ, 'דְתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶעהְן. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶעהְן דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער ס"מ אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין אִיר שְׁטוּב. 'מַאן גָּרִים דָא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

מוֹהַרְא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וֶועגְן דָאס בִּיסְל הָאר, אָבֶער וָואס זָאל מֶען טוּן אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען עֶנְדֶערְשׁ גְרֵייט צוּ לַיידְן ווַי אֵיידֶער זִיךְ אָפְּשֶׁערְן"; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ טִיכְל אוּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר ווִי צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, אָבֶער אַלֶע צַדִיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְּן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ טְרָאגְן אַ שֵׁייטְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, ווִי אֵיידֶער גֵיין מִיט צֶען טִיכְלֶעךְ אוּן גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר".

אַז דוּ ווִילְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת דַארְפְסְטוּ נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן וואוּ דוּ שְׁטַאמְסְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נו; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קלט): "כְּשֶׁיֵּשׁ לְהָאָדָם לֵב אֵין שַׁיָּךְ אֶצְלוֹ מָקוֹם כְּלָל, כִּי אַדְּרַבָּא, הוּא מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם וְכוּ'"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִים גוּט זַיין וואוּ עֶר אִיז נָאר, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל.

אִיךְ הָאף צוּ הֶערְן בְּקָרוֹב פוּן דִיר גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

...

~~~~~~~~~~~

## אוֹיף חֲתוּנוֹת שְׁפָּארְט מֶען; פַארְוָואס אוֹיף אוּמַאן גֶעבְּט מֶען יָא אוֹיס גֶעלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט כְּסֵדֶר נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן אִיבְּרִיג גֶעלְט אוֹיף אִידִישֶׁע שִׂמְחוֹת, אַז מְ'זָאל שְׁפָּארְן ווִי וַוייט מֶעגְלִיךְ אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת.

לְמַעֲשֶׂה אָבֶּער וֶוען סְ'קוּמְט צוּ אוּמַאן, וָואס דָאס קָאסְט אוֹיךְ אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי טִיקֶעטְס, אַכְסַנְיָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דָארְט גֶעבְּט מֶען יָא אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט. פַארְוָואס אִיז דָאס אַנְדֶערְשׁ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶער חִילוּק פוּן אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה וֶוען מֶען מַאכְט אַ שִׂמְחָה צוּ גֶעוִוינֶען דֶערְבֵּיי אַבִּיסְל כָּבוֹד הַמְדוּמֶה וְכוּ', בִּיז אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט צוּלִיבּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּ אַ צַדִיק וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַאר וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז עֶר וֶועט אִים פַארֶערְכְטְן מִיט אַן אֵייבִּיגֶער תִּיקוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים - זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.
~~~~~~~~~~~

דִי אַלֶע וָואס פָּארְן קַיין אוּמַאן אוּן צָאלְן אַלֶע גֶעלְטֶער זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי זֵיי אִיז דָאס וִוי וֶוען עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערְ'ן מִשְׁפָּט. וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ מִשְׁפָּט נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחֲמָנָא לִצְּלָן, דַאן נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס אִיז נָאר דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - אֲפִילוּ עֶס זָאל קָאסְטְן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן מֶען וֶועט טוּן אַלֶעס וָואס מֶען קֶען צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם גָאר טֵייעֶרְן לוֹיעֶר וָואס עֶר קֶען אֶפְשָׁר רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִין וָואס: "וְכָל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ, וְתִכְתֹּב אֶת גְּזַר דִינָם", דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ נֶעמֶען אַ גוּטְן לוֹיעֶר, אֵיינֶער וָואס וֶועט אִים הֶעלְפְן נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי - עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער לוֹיעֶר וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט; דֶערְפַאר פָּארְן מִיר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲפִילוּ עֶס אִיז אוּנְז שְׁוֶוער, אוּן מִיר צָאלְן פַאר דֶעם אַלֶע גֶעלְט וָואס פַארְלַאנְגְט זִיךְ פַאר דֶעם אַבִּי צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן מַאכְן שִׂמְחוֹת וֶוערְט מֶען אַ בַּעַל חוֹב, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִין צוּ טוּן; מֶען בָּארְגְט פוּן חֲבֵרִים, קְרוֹבִים, מִשְׁפָּחָה אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן וֶוען עֶס קוּמְט אֵיין שִׂמְחָה נָאכְ'ן צְוֵוייטְן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם גְלַייךְ, אָבֶער פַאר אִיבֶּערִיגֶע זַאכְן, פַאר מוֹתָרוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן - דָארְט וֶוערְט מֶען פַארְשְׁוַוארְצְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר זָאל אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי גָלוּת פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אוּן פוּן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע גָלוּת וָואס מִיר לֵייגְן זִיךְ אַלֵיינְס אַרוֹיף, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן וָואס מִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען: "וּשְׁבֹר עוֹל הַגּוֹיִם", דֶער גָלוּת פוּן דִי פֶעלְקֶער, "וְעוֹל הַגָּלֻיּוֹת", אוּן דִי אֵייגֶענֶע גָלוּת, "מֵעַל צַוָּארֵנוּ, וְתוֹלִיכֵנוּ מְהֵרָה קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**וִוי אַזוֹי מְ'לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?**
~~~~~~~~~~

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מְ'לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי צַייט וָואס פוּן נַאטוּר אוֹיס ווֶעלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶעלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה. קִינְדֶער וָואס הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְכִים: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט הֶעלְפְן", "מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף", "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", - ווֶעלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

קִינְדֶער כַאפְּן זִיךְ מֶער צוּ ווֶען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:): "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, הָיְתָה הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד", פַאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, "כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", אָבֶּער ווִיבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען; וָואס אִיז דָאס 'שְׁכִינָה'? ווֶען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי ווֶעלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַזוֹי אוֹיךְ ווֵייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דָאס מֵיינְט 'הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה' - דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִים. דֶעמָאלְט הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיט אִים אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט זַיין נָאנְטֶער חַבֵר.

אָבֶּער ווֶען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן גֵייט אַרַיין אִין אִים חָכְמוֹת, שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט דִי ווֶעלְט וְכוּ'; מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

רַחֲמָנָא לִצְלַן. דֶערִיבֶּער קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ רֵיין טוּעֶן דִי מִצְווֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֱמֶת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, צוּ זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶוערְטֶער אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

זָאלְסְטוּ זֶען צוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דֶערְצֵיילְ זֵיי כְּסֵדֶר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען דַאוְונְט אוּן מֶען בֶּעט אִים, זָאלְן זֵיי הֶערְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן גְרוֹיס דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִין זֵיי אַרַיין גֵיין אַ פֵייעֶר פוּן קְדוּשָׁה.

קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס פְּלַאקֶערְט אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט מֶען אוֹיף גֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### מַיין וַוייבּ זָאל נָאר נִישְׁט גֶעוואוּיר וֶוערְן וָואס אִיךְ טוּ.

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בַּאלַאנְג נִישְׁט אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער ס'גֶעפֶעלְט מִיר זֵייעֶר דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר דֶרֶךְ, אוּן דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ בֶּעטְן הַדְרָכָה אוּן עֵצוֹת פוּנֶעם בְּרֶסְלֶב'ן וֶועג.

אִיךְ פַאל אַסַאךְ דוּרְךְ אִין עִנְיְנֵי קְדוּשָׁה, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוּן אִיךְ טָאר דָאס נִישְׁט הַאלְטְן בְּסוֹד פוּן מַיין וַוייבּ. אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז וִוי נָאר זִי וֶועט גֶעוואוּיר וֶוערְן וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר, בִּין אִיךְ אַ פַארְלוֹירֶענֶער. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן
~~~~~~~~~~

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

טוּ תְּשׁוּבָה וַוייל אַז נִישְׁט וֶועט זַיין דֶער סוֹף זֵייעֶר בִּיטֶער; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (אִיּוֹב כד, טו): "וְעֵין נֹאֵף שָׁמְרָה נֶשֶׁף לֵאמֹר לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת רֶעדְן זִיךְ אַיין אוּן טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'מִיר וֶועלְן וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר טוּן עֲבֵירוֹת; מִיר וֶועלְן גֵיין אִין בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער אַז קֵיינֶער זָאל אוּנְז נִישְׁט זֶען'. זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט טַאקֶע אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מֶען זֶעט מַמָּשׁ בְּחוּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, וִוי דֶער סוֹף פוּנֶעם בַּעַל עֲבֵירָה אִיז אַז עֶר וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן מֶען בְּלַייבְּט אָן גָארְנִישְׁט. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שד): "פַּעַם אַחַת הִתְלוֹצֵץ מִזֶּה וְאָמַר: 'שֶׁעַל זֶה מְבַקְּשִׁים בְּכָל יוֹם אַל תְּבִיאֵנִי לִידֵי נִסָּיוֹן וְלֹא לִידֵי בִּזָּיוֹן', וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: 'אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן'", וַוייל אַז עֶס וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן וֶוערְט בִּזְיוֹנוֹת; הַיינְט קֶען מֶען מַמָּשׁ זֶען דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ פוּן רֶבִּי'ן, דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן אַז וֶוען עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בִּילְד פוּן אֵיינֶעם וִוי עֶר דְרֵייט זִיךְ אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ' וֶוערְט עֶר אִין אֵיין רֶגַע פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ תְּשׁוּבָה, לָאז אָפּ דִי עֲבֵירוֹת אוּן בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר דִיר מוֹחֵל זַיין, וַוארְט נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ, חוּץ מִן הַזְּנוּת", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נָאוּף רַחֲמָנָא לִצְּלָן דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט מִיט אַ בִּיטֶערֶע עוֹנֶשׁ.

הָאבּ שֵׂכֶל אוּן דֶערְצֵייל גָארְנִישְׁט דַיין וַוייבּ, אָבֶּער טוּ תְּשׁוּבָה; אַז דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבַבָּא.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## דַארְף אִיךְ טַאקֶע נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַזָל טוֹב צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן אֵייעֶר קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּנֶעם פָּארְפָּאלְק, עֶס זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּמָא און אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד, אִין זְכוּת פוּן דִי אַלֶע שְׁטוּבֶּער וָואס אִיר רַאטֶעוֶועט מֵאֲפֵלָה לְאוֹר גָדוֹל.

אִיךְ זָאג דִי תְּפִילָה פוּן שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אָבֶער בַּיי דִי וֶוערְטֶער "אַתָּה ה' יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַּוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְדוֹשָׁה", שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ ווי אַ לִיגְנֶער ווייל אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אַז אִיךְ בֶּעט פַאר גוּטֶע קִינְדֶער מַמָשׁ פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער'ס וֶועגְן, אִיךְ מֵיין אַז סְ'אִיז מֶער פַאר כָּבוֹד און מְנוּחָה, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיף אַזַא מַדְרֵיגָה, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן דִי תְּפִילָה אוֹיף גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער און וֶוען דוּ זָאגְסְט דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּפִילַת הַשְׁלָ״ה: ״אַתָּה ה׳ יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַּוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְדוֹשָׁה״ - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן ווי דוּ זָאגְסְט לִיגְנְט ווייל בְּאֱמֶת אִיז דָאס דַיין רָצוֹן און דֶער רָצוֹן פוּן יֶעדֶע אִיד, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן; יֶעדֶער אִיד ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לִשְׁמָהּ - פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵייט דֶעם קָאפּ, מֹחַ און הַארְץ מֶען זָאל נָאכְגֵיין תַּאֲווֹת און נַארִישְׁקֵייטְן. אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ״א בְּרֶענְגְט אִין דִי תְּפִילָה וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה און מִיר פִירְן זִיךְ אוֹיךְ דָאס צוּ זָאגְן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאכְן מַאכְן הַתָּרַת נְדָרִים, מִיר זֶענֶען דֶערְבַּיי מְגַלֶּה דַעַת אַז מִיר ווִילְן טוּן נָאר דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִיז מִצַד דֶעם יֵצֶר הָרָע.

אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְווִיסְט פוּן דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת פְלֶעג אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן דִי תְּפִילוֹת פוּן סֵפֶר עֲבוֹדַת

הַקוֹדֶשׁ, בִּפְרַט דִי "מְסִירַת מוֹדָעָה" וואוּ מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס אַז מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מֶען ווִיל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

דָא הָאסְטוּ דֶעם נוּסַח:

"הֲרֵינִי מוֹסֵר מוֹדָעָה לִפְנֵיכֶם שֶׁכָּל מַחֲשָׁבָה רָעָה וְהִרְהוּר רַע וּרְעוּתָא דְלִבָּא אִם יַעֲלֶה בְּלִבִּי וּמֹחִי, וּבִפְרָט בְּעֵת הַתְּפִלָּה וְתַלְמוּד תּוֹרָה בְּאֵיזֶה צַד וָאֹפֶן שֶׁאֵינוֹ לִכְבוֹד וּרְצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ, מֵעַכְשָׁיו אֲנִי מְבַטֵּל אוֹתָן מַחֲשָׁבוֹת וְהִרְהוּרִים רָעִים וּרְעוּתָא דְלִבָּא אֲשֶׁר הֵם נֶגֶד רְצוֹן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּטּוּל גָּמוּר כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אִם אֲדַבֵּר אֵיזֶה דִּבּוּר רַע וְאִסּוּר מֵעַכְשָׁיו יִהְיוּ הַכֹּל בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים. וְעַתָּה אֲנִי מְבָרֵר וּמְפָרֵשׁ בַּאֵר הֵיטֵב וַאֲנִי מְגַלֶּה דַּעְתִּי וּרְצוֹנִי בְּכָל לִבִּי כִּי רְצוֹנִי וּמַאֲוַיַּי וְכַוָּנָתִי לַעֲבֹד אֶת בּוֹרְאֵנוּ אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וְיִשְׂרָאֵל עֲבוֹדָה שְׁלֵמָה, עֲבוֹדָה תַּמָּה בְּמַחֲשָׁבָה וְדִבּוּר וּמַעֲשֶׂה בְּיִרְאָה וְאַהֲבָה וְשִׂמְחָה כְּדַת מַה לַּעֲשׂוֹת, וְכָל מַחֲשָׁבָה וְדִבּוּר וּמַעֲשֶׂה נֶגֶד רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ מֵעַכְשָׁו בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים, כִּי הֵם מִצַּד יֵצֶר הָרָע וְהַכֹּל הֶבֶל, בְּאֹפֶן שֶׁכָּל עֲבוֹדָתֵנוּ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ בְּמַחֲשָׁבָה וְדִבּוּר וּמַעֲשֶׂה הַכֹּל הוּא לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְפָנָיו דַּוְקָא בְּלִי שׁוּם פְּנִיָּה כְּלָל וְעִקָּר, וְהַכֹּל הוּא לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ וּרְחִימוּ וּדְחִילוּ לְיַחֲדָא שֵׁם י"ה בְּו"ה בְּיִחוּדָא שְׁלִים בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל, לְדַעַת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי וְרַבִּי אֶלְעָזָר בְּנוֹ, וּלְדַעַת הָרַב רַבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִּי. וּלְדַעַת הָרַב רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב וְתַלְמִידָיו, וּלְדַעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידָיו, הַמָּקוֹם בְּרַחֲמָיו יַעַזְרֵנוּ עַל דְּבַר כְּבוֹד שְׁמוֹ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע חָכְמוֹת, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן חָכְמוֹת; קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דָאס עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ ווִי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קד): "הָיָה אוֹהֵב מְאֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי פָּשׁוּט'עֶ עֲבוֹדוֹת, "שֶׁל סְתָם בְּנֵי אָדָם הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים הַכְּשֵׁרִים", פוּן פָּשׁוּט'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן. "וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים כְּדֶרֶךְ הֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס זָאגְן אַלֶע תְּחִנּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, אַזוֹי ווִי דִי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ. "וְהָיָה מַזְהִיר וּמוֹכִיחַ אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת", דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אָנְזָאגְן אוּן אָנְוָוארְעֶנֶען אַז מִיר זָאלְן זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּם שַׁבָּת, "וְהָיָה מַקְפִּיד וְכוֹעֵס מְאֹד עַל מִי שֶׁהוּא חָכָם בְּעֵינָיו וְאֵינוֹ מִתְאַמֵּץ לְזַמֵּר זְמִירוֹת בְּשַׁבָּת וּבְמוֹצָאֵי שַׁבָּת אוֹ שְׁאָר עֲבוֹדוֹת פְּשׁוּטוֹת", אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן

וָואס הַאלְטְן זִיךְ פַאר חֲכָמִים און זִינְגֶען נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת און מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה, און טוּעֶן נִישְׁט אַנְדֶערֶע פָּשׁוּט'עֶ עֲבוֹדוֹת. "כִּי עִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא בִּפְשִׁיטוּת וּבִתְמִימוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", וַוייל דֶער עִיקֶר אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן קַיין חָכְמוֹת - וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~~

## מֶעג מֶען קוֹיפְן קְלֵיידֶער פוּן פָּארְאוֹיס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי, עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים נָאךְ דִי חֲתוּנָה, און אִיךְ וַוארְט לְמַזָּל טוֹב. אִיךְ וויל וִויסְן אוֹיבּ סְ'אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ וִויסְן וָואס סְ'וֶועט זַיין, און אוֹיךְ אוֹיבּ מְ'מֶעג קוֹיפְן קְלֵיידֶער פוּן פָּארְאוֹיס.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דַאנְקְט'ס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אַז אִיר וַוארְט אִין אַ מַזָּל'דִיגֶע שָׁעָה. און זִיכֶער זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵּל זַיין אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גְרִינְגֶערְהֵייט. מוֹהֲרַאְ"שׁ זָאגְט אַז דוּרְכְאוֹיס דִי נַיין חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ' זָאל מֶען יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיף אוֹיסְנְוֶוייניג, צוּם בַּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָּוִד און שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי
~~~~~~~~~~~

נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהַרָא"ש - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, און נָאךְ נֶעמֶען פון צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, דֶערְנָאךְ זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים און אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פון מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע'ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פון דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה און הֶעלְף מִיר אִין זְכוּת פון אַלֶע צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און אִין זְכוּת פון רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

לְכַתְּחִילָה אִיז בֶּעסֶער מֶען זָאל נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן פון פָארְאוֹיס פַארְ'ן קִינְד וֶועגְן עַיִן הָרָע און נָאךְ כַּמָּה סִיבּוֹת, אוֹיךְ פְלֶעגְט מוֹהַרָא"ש זָאגְן נִישְׁט צוּ פְרֶעגְן דֶעם דָאקְטֶער וְכוּ'.

...

~~~~~~~~~~~

## וֶועט עֶר זַיין אַ גוּטֶער מַאן פַאר מַיין טָאכְטֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אוּנְזֶער טָאכְטֶער תִּחְיֶ', און מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אוּנְזֶער טָאכְטֶער אוֹיבּ זִי אִיז אַזַא סָארְט וָואס אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ. דָאס הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן פון גֵיין וַוייטֶער מִיט'ן שִׁידוּךְ, טְרַאכְטְנְדִיג אַז אֶפְשָׁר ווַייזְט דָאס אַז עֶר אִיז אַ שׁוֹלֵט, אַ קָאנְטְרָאלִירֶער און אַ דִיקְטַאטָאר, און מִיר ווִילְן נִישְׁט אוּנְזֶער טָאכְטֶער זָאל אַרַיינְפַאלְן מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

ווִילְן מִיר זִיךְ מְיַיעֵץ זַיין מִיט'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא פַאל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.
~~~~~~~~~~~

מוֹהַרָא"ש זָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פַאר אַן אֵיידֶעם זָאל מֶען דֶער עִיקָר קוּקְן אוֹיף דִי מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם בָּחוּר, וַוייל דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דִי מִידוֹת; יָא לֶערְנֶען נִישְׁט לֶערְנֶען - דָאס קֶען מֶען זִיךְ טוֹישְׁן. אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אַלְץ בָּחוּר, אָבֶּער נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעלָאזְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג אַלְץ בָּחוּר, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען; זֵיי הָאבְּן גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער הָאבְּן זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר, צוּ הָאבְּן אַ רָב וְכוּ' אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן נִתְהַפֵּךְ גֶעוָוארְן לְטוֹב. אָבֶּער מִידוֹת - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ טוֹישְׁן; אוֹיב הָאט דֶער בָּחוּר נִישְׁט קַיין גוּטֶע מִידוֹת, קוּמְט אַרוֹיס דֶער גַאנְצֶער אֱמֶת נָאכְדֶעם וָואס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת עֶנְדִיגְט זִיךְ, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַ חַי' אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נֶעמֶען אַ שְׁנוּר דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף אִירֶע מִידוֹת; צִי זִי וֶועט זַיין אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַאר אִיר מַאן אוּן טוּן זַיין רָצוֹן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵיזוֹהִי אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? כָּל שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? אַ פְרוֹי וָואס טוּט רְצוֹן בַּעְלָהּ זִי אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר'ן מַאן וְכוּ'; דָאס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי. עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ צוּ פְרֶעגְן אוֹיפְ'ן מֵיידְל צִי זִי אִיז אַ מֵיידְל מִיט הַכְנָעָה, דָאס מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז מֶען וֶוערְט אַ דִיקְטֶעטֶער, אוֹיב אִיז דֶער בָּחוּר אַ קָאנְטְרָאלֶער וָואלְט אִיר דָאס זִיכֶער גֶעהֶערְט פוּן חֲבֵרִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע שִׁידוּכִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת רַחְמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִילָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מִיט דִי פַּרְנָסָה, קֶען מֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַ וֶועג צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט אוּן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - דָאךְ קֶען מֶען זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען הָאט אַן אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט זָאל מֶען אַרוֹיסְכַאפְּן אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; אַבִּיסְל מִשְׁנָה; גְמָרָא, וְכוּ׳, וְכוּ׳ אוּן בְּעִיקָר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, דִי לִיפְּן זָאלְן זִיךְ שָׁאקְלֶען שֶׁעפְּשֶׁענְדִיג תְּפִילוֹת שְׁטֶענְדִיג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן שַׁאפְן מְזוּמָנִים אִיךְ זָאל קֶענֶען שִׁיקְן דָאס גֶעלְט קַיין אוּמַאן; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר - ה׳תש״פ וֶועלְן מִיר שׁוֹין הָאבְּן דֶעם בִּנְיָן פֶערְטִיג.

אִיךְ בֶּענְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר.

...

~~~~~~~~~~~

**דִי עֵצָה צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה אוּן זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, כ״ח סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, רַחְמָנָא לְשֵׁיזְבָן, פַארְלִירְט עֶר זַיין פַּרְנָסָה. אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "מַאן דִמְזַלְזֵל בִּפְרוּרִין דְנַהֲמָא, עֲנִיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרוֹיט בְּרֶעקְלֶעךְ וֶועט זַיין אָרִים, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרִימַאן; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט מֶען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען פַּיינִיגְט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט).

דִי עֵצָה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי עֲבֵירָה אִיז דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיר פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, עֶר וַוארְפְט מִיר כְּסֵדֶר אַרָאפּ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה".**

אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן שְׁטָאט פַאר צֶען וָואכְן; מִיר זֶענֶען אִין מָאנְטִיסֶעלָאו אִין מַחֲנֶה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב. אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

הַיינְט הָאבְּן מִיר מְסַיֵים גֶעוֶוען "סֵפֶר שְׁמוּאֵל ב'" אוּן אִם יִרְצֶה ה' מָארְגְן הֵייבְּן מִיר אָן "סֵפֶר מְלָכִים"; אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵק אַריין צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן פְרִישׁ אִיז דִי עֵצָה פַאר הַצְלָחָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ט סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, זַיי פֶעלְזְן פֶעסְט וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס מַמָשׁ וִוי אַ חוֹזֶק שְׁפִּיל, דוּ הֵייבְּסְט יֶעדְן טָאג אָן מִיט אַ נַייעֶ הַתְחָלָה אוּן נָאכְדֶעם פַאלְסְטוּ וִוידֶער אַרָאפּ אִין אַ טִיפֶער לָאךְ רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רסא): "כְּשֶׁנּוֹפֵל אָדָם מִמַּדְרֵגָתוֹ יֵדַע שֶׁמִּן הַשָּׁמַיִם הוּא, כִּי הִתְרַחֲקוּת תְּחִלַּת הִתְקָרְבוּת, עַל כֵּן נָפַל שֶׁיִּתְעוֹרֵר יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב
~~~~~~~~~~

לְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", װען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר פַאלְט צוּרִיק צוּ זַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע מַעֲשִׂים - זָאל עֶר װיסְן אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים אַװעק גֶעשְׁטוּפְּט כְּדֵי עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן פוּנְדַאסְנַיי מִיט אַ פְרִישְׁקַייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַעֲצָתוֹ שֶׁיַּתְחִיל מֵחָדָשׁ לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדַת ה' כְּאִלּוּ לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כְּלָל מֵעוֹלָם", דִי עֵצָה פַאר אִים אִיז עֶר זָאל מַאכְן אַ פְרִישֶׁע קַבָּלָה, עֶר זָאל פוּן פְרִישׁ אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּאִילוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פְּרוּבִּירְט פַארְדֶעם, נָאר יֶעצְט אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְזֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה', שֶׁצְּרִיכִין מַמָּשׁ בְּכָל יוֹם לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", דָאס אִיז אַ װיכְטִיגֶער כְּלָל אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אַלְץ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר זָאל אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אַזוֹי װעט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן אוּן מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל קֶענֶען װייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת; אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בִּילְד וואוּ מֶען פַארְמַאכְט דֶעם דַאךְ אִין אוּמַאן מִיט פֶּעךְ. אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר װעסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אִין דַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאף דִיר צוּ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת; יֶעצְט בִּין אִיךְ זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִין קֶעמְפּ, עֶס לִיגְט אוֹיף מִיר אַ בַּארג... דִי אִינְגְל קֶעמְפּ, בָּחוּרִים קֶעמְפּ אוּן דִי נַייעֶ מֵיידְל קֶעמְפּ; זָאלְסְטוּ מִיר מוֹחֵל זַיין אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט גְלַייךְ. אִיךְ װעל דִיר נָאךְ אִם יִרְצֶה ה' שְׁרַייבְּן אַסַאךְ.

בֶּעט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

...

~~~~~~~~~~

**דַיינֶע סִיוּמִים גֶעבְּן מִיר כֹּחַ צוּ רֶעדְן וַוייטֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, אַ' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

דוּ מַאכְסְט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר װיפִיל דוּ לֶערְנְסְט אוּן פוּן דַיינֶע סִיוּמִים; דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, וַוייטֶער אַרַיין לֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).
~~~~~~~~~~

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג; הַיינְט בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶועגֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְראֹשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶועגֶען שַׁחְרִית מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בַּאגְלִיקְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשָׁאֵיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוְונְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אוּן אֵיין טָאג פַארְפֶעלְט עֶר צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל; אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט הֶעלְפְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אַ רְפוּאָה, אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ עֶר הָאט אַנְדֶערֶע שְׁטֶערוּנְגֶען מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים נִסִּים. זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶועגֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיא): "אוֹיבּ מֶען וָואלְט וֶוען גֶעגֶעבְּן דֶעם מֶעגְלִיכְקַייט פַאר אַ טוֹיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן זַיין קֵבֶר דַאוֶועגֶען אֵיין תְּפִילָה אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם דַארְף עֶר צוּרִיק גֵיין אִין קֵבֶר, אוֹי וָואלְט עֶר גֶעדַאוְונְט"; אִיז דָאךְ אַוַדַאי אוּנְז, כָּל זְמַן מִיר לֶעבְּן בְּזֶה הָעוֹלָם דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר קֶענֶען דַאוֶועגֶען.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

~~~~~~~~~~~

**מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצְוִוינְגֶען אַ וַוייבּ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אַז דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אִיר וַוייל נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן.

דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן שֵׁיין מִיט אִיר וְכוּ׳, אוֹיבּ זִי וֶועט מַסְכִּים זַיין דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵיי אַרַיינְשִׁיקְן אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער אַז זִי אִיז שְׁטַארְק מִיט אִיר וֶועג וְכוּ׳ אוּן זִי ווִיל נִישְׁט הֶערְן פוּן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער מִיט גֶעוַואלְד.

מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצְווִינְגֶען אַ וַוייבּ, דָאס אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג פוּן רֶבִּי׳ן, דָאס לֶערְנְט מֶען אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסד).

זֶע צוּ שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג וְכוּ׳; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַזַא טַאלַאנְט, דוּ בִּיסְט אַ שְׁרַייבֶּער, זָאלְסְטוּ דָאס נוּצְן בִּקְדוּשָּׁה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן פַאר׳ן הֲמוֹן עַם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**אַלֶע וָואס קְרִיגְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי אָנְגֶעטְרָאגְן אַ ווָאוֹילֶער בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה. עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פַאר זֵיי צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ מִיט אַ בָּחוּר פוּן דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶר יְשִׁיבָה וַוייל לֵיידֶער רֶעדְט מֶען אוֹיף אוּנְז לָשׁוֹן הָרָע אוּן מֶען אִיז מוֹצִיא שֵׁם רַע, וַוייל דֶער ס״מ הָאט זֵייעֶר פַיינְט דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן רֶבִּי׳ן וַוייל ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רַייסְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס פוּנֶעם ס״מ.
~~~~~~~~~~~

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז דִי אַלֶע וָואס קְרִיגְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט. אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ יְשִׁיבָה וֵוייסְן נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ בֶּאֱמֶת אִינֶעוֵוייניג, וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעווִיסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז אוּן וָואס מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, אַדְּרַבָּה, זֵיי וָואלְטְן וֶוען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כַּךְ כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְט מֶען נִישְׁט, מֶען קְרִיגְט אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעטוּן דָאס וָואס זֵיי זָאגְן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטוּן אוּן אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע קְרִיגְן.

זַייטְס נִישְׁט בַּאזָארְגְט אוּן גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעמְטְס אַרַיין אִין קָאפּ אַז אַ שִׁידוּךְ לִיגְט נָאר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): מִיר גֶעפִינֶען סֵיי אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (בְּרֵאשִׁית כד, נ) וָואס לָבָן אוּן בְּתוּאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט נֶעמֶען רִבְקָה פַאר יִצְחָק אָבִינוּ, "מֵה' יָצָא הַדָּבָר", מִיר זֶענֶען מוֹדֶה אַז דֶער שִׁידוּךְ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד) אַז שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר הָאט גֶענוּמֶען אַ פְּרוֹי וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט, זָאגְט דִי תּוֹרָה: "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעווִיסְט אַז דֶער שִׁידוּךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד) שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אַ הוֹיז אוּן אַ פַארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן עֶלְטֶערְן, אָבֶּער: "וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אַ שִׁידוּךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעעֶן מִיר אִיבֶּעראַל אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיט'ן בַּאשֶׁעפֶער.

אֵיינְמָאל אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זֶען דֶעם בָּחוּר אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים וֶועלְן אַלֶע דִּמְיוֹנוֹת, קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אַוֶועק פַאלְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בְּקָרוֹב וֶועט אִיר שׁוֹין אַ כַּלָּה וֶוערְן.

...

~~~~~~~~~~~

**זַיי מַמְשִׁיךְ הֶעלְפְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹסְדוֹת, וֶועסְטוּ אוֹיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן
~~~~~~~~~~~

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען ווִי שֵׁיין דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ און זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ און זַיי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת.

אִיוֹב הָאט גֶעזָאגְט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָד", יֶעדֶער אֵיינֶער בְּזֶה הָעוֹלָם מוּטְשֶׁעט זִיךְ, זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת יז.): "אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה", וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֵייגְט אַרַיין דִי מִי און פְּלָאג אִין דִי תּוֹרָה אָדֶער אִין בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פַאר אִים אַ זְכוּת אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

קוֹדֶם זָאל אַלֶעס זַיין מְסוּדָר אִין מֵיידְל קֶעמְפּ, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זָארְגְן פַאר דִי בָּחוּרִים און אִינְגְל קֶעמְפּ.

...

~~~~~~~~~~~

**דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין עֶרְלִיכֶער מַאן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אוּנְזֶער טַייעֶרע ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דִי נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין נֶעכְטְן גֶעוֶוען אִין מֵיידְל קֶעמְפּ וואוּ אִיךְ הָאב אַרַיינְגֶעבְּלִיקְט אִין כּוֹלֵל, וְוִיל אִיךְ דִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ גְרִיס פוּן דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג.

פַאר מִיר אִיז דֶער כּוֹלֵל אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן יוּנְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה. דִי יוּנְגֶעלַייט זֶענֶען עֶרְלִיךְ און רֵיין.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס לֶערְנְט און דַאוֶונְט; נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם. דַארְפְסְטוּ דָאס מַחְשִׁיב זַיין, אִים לוֹיבְּן און מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל וַוייטֶער גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג.
~~~~~~~~~~~

וָואס דו דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים.

...

~~~~~~~~~~~

**רִיכְטִיג אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אִין קָאנְטְרִי; אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי צְנִיעוּת אִין שְׁטוּבּ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

נוּץ אוֹיס דִי צַייט אִין קָאנְטְרִי מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג): "וֶוען דו וָואלְסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דָאס גֶעזַאנְג פוּן דִי גְרָאז, ווִי יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן... ווִי גוּט אוּן ווִי אֵיינְגֶענֶעם אִיז צוּ הֶערְן ווִי זֵיי זִינְגֶען זֵייעֶרֶע לִידֶער"; מִיר הֶערְן טַאקֶע נִישְׁט ווִי דִי גְרָאז זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער מִיר שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וֶוען מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ צְוִוישְׁן זֵיי, עֶס רֶעדְט זִיךְ מֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא; מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִפּוֹת". מֶען זֶעט ווִי דֶער ס"מ הָאט זֵייעֶר מוֹרָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, בִּפְרַט גְמָרָא, וַוייל דָאס פַארְבְּרֶענְט אִים אִינְגַאנְצְן.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת; וֶוען זֵיי פְרֶעגְן דִיר אוֹיף אַ קְלֵייד צִי עֶס אִיז גוּט אָדֶער נִישְׁט מַאךְ זִיךְ נִישְׁט דֶעמָאלְט ווִי אַ נַאר וָואס וֵוייסְט נִישְׁט, וַוייל שְׁפֶּעטֶער וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק דְרֵייעֶן דֶעם זֵייגֶער. זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט קְלֵיידֶער וָואס מֶען זֶעט אַרוֹיס דֶעם גַאנְצְן קֶערְפֶּער; עֶס אִיז אַן עֶקֶל אוּן אַ גְרוֹיל צוּ זֶען ווִי הֵיימִישֶׁע וַוייבְּלֶעךְ דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט קְלֵיידֶער אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ'ן לַייבּ, לֵיידֶער זֶע אִיךְ אַז בַּיי אוּנְז אִין קֶעמְפּ זֶענֶען דָא וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן; אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען זָאגְט נָאכְמָאל אוּן נָאכְמָאל שֵׁיינֶערְהֵייט פּוֹעֵל'ט מֶען, ווִידֶער אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט אִיז בַּיים סוֹף זֵייעֶר בִּיטֶער.

אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ אַרְבֶּעט בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה אִין דֶעם עִנְיָן פוּן צְנִיעוּת.
~~~~~~~~~~~

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִין דִי טֶעג, אִיךְ שְׁפִּיר מַמֶּשׁ וִוי אִיךְ דַארְף דַיינֶע תְּפִילוֹת אִיךְ זָאל הָאבְּן וַוייטֶער דִי כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, בֶּעט פַאר מִיר.

אַ גוּטְן טָאג אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

~~~~~~~~~~

**הִיט אוֹיף דַיין וַוייבּ'ס גֶעזוּנְט אוּן כּוֹחוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסְהֵיילְן; אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט שְׁוַואכֶע נֶערְוְון קֶען מֶען יֶענֶעם הֶעלְפְן. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען ווִיל נִישְׁט פָּאלְגְן וָואס דֶער קְלוּגֶער זָאגְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סז): "כִּי עִקַּר שִׁגָּעוֹן שֶׁל כָּל הַמְשֻׁגָּעִים הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁהוּא אֵינוֹ מְצַיֵּת וְשׁוֹמֵעַ לְדִבְרֵי הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, כִּי הַמְשֻׁגָּע - אִם הָיָה שׁוֹמֵעַ וְצַיָּת לְדִבְרֵי אֲחֵרִים שֶׁהֵם הַבַּעֲלֵי שֵׂכֶל, בְּוַדַּאי לֹא הָיָה מְשֻׁגָּע כְּלָל", וֶוען דֶער מְשׁוּגֶענֶער וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אִים וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז מְשׁוּגָע.

אִיךְ בֶּעט דִיר הָאבּ שֵׂכֶל אוּן זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶער חָכָם, לְעֵת עַתָּה טָאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער. זָאלְסְט הִיטְן אוֹיף אִיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת זִי זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דִי כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען זַיין אַ מַאמֶע אוּן אַ וַוייבּ וְכוּ'; אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הִיטְן אוֹיף אִיר וֶועסְטוּ אִיר אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

...

~~~~~~~~~~